בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

פר' שמות

כ"א טבת תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:20 |
| מוצש"ק | 5:36 |
| ר"ת | 6:14 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:26 | סוז"ת א' | 9:33 |
| סוזק"ש ב' | 9:11 | סוז"ת ב' | 10:03 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס':

יג

## טיב הפרשה

# אז מען האט יראת שמים - האט מען די כלים צו קענען עומד זיין אין שווערע נסיונות

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר איבער די גלות אין מצרים און איבער די מיילדות וואס האבן זיך מוסר נפש געווען און האבן נישט געפאלגט וואס פרעה האט זיי געהייסן, ווי די תורה זאגט עדות אויף זיי ולא עשו כאשר דיבר אליהן מלך מצרים ותחיין את הילדים.

חז"ל דערציילן אונז אז די מיילדות זענען געווען די נשים צדקניות יוכבד און מרים. מיר האבן נישט קיין שום השגה אין זייער צדקות אבער מיט דעם אלעם אנטפלעקט אונז די תורה דער סוד וויאזוי זיי האבן געקענט ביישטיין קעגן אזעלכע שווערע נסיונות. די תוה"ק זאגט אונז אז די מיילדות זענען בייגעשטאנען די נסיון דורך די יראת שמים וואס זיי האבן געהאט, ווי עס איז דער לשון הפסוק ותיראן המיילדות את האלוקים.

דער לימוד איז א שטארקער יסוד פאר אונז. מיר לערנען זיך ארויס פון דעם אז ווען א איד האט א נסיון איז נישט דא קיין אנדערע וועג בייצושטיין די נסיון נאר מיט יראת שמים, ווייל נאר די כח פון יראת שמים קען צוריקהאלטן א מענטש פון ווערן געשטרויכלט אין עבירות.

נאר אויב א מענטש האט אוועקגעלייגט כוחות אויף עניני יראה, אז זיין לעבן זאל שטענדיג זיין איין לאנגער קייט פון שויתי השם לנגדי תמיד, אז ער זאל אייביג שפירן ווי השי"ת שטייט פאר אים, וועט ער זיין גענוג שטארק ווען עס שטייט פאר אים א נסיון.

עס האט זיך אמאל געמאכט אז א חשוב'ער איד וואס איז געווען זייער געשעצט ביי אלעמען איז געשטרויכלט געווארן מיט זייער א הארבע עבירה. צו זיין ביטערע מזל איז די מעשה פארשפרייט געווארן אין גאס און יעדער האט געוואוסט צו זאגן אז ער איז געשטרויכלט געווארן מיט די גרויסע עבירה.

איבריג צו זאגן אז ער האט פארלוירן זיין אמאליגע חשיבות ביי אלעמען, אנשטאט אז מען זאל אים ארויפקוקן האט אים דער עולם אנגעהויבן אראפקוקן.

האט מיר דערציילט א איד אז די מעשה האט אים זייער וויי געטון, ער האט נישט געקענט פארשטיין וויאזוי האט געקענט געשען אזא זאך, אז אזא חשוב'ער איד זאל זיך אזוי מיאוס אויסגליטשן. דער איד איז אריין צו הגה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע און אים געפרעגט ער זאל אים געבן צו פארשטיין וויאזוי האט אזא זאך געקענט געשען?

דער איד האט צוגעלייגט אז אויך אויב מען וועט אוועקלייגן אין א זייט די חלק הרוחני בלייבט נאך אלץ שווער די חלק הגשמי.

עס רעדט זיך דאך פון אן איש מכובד, דער איד וואלט זיך געדארפט מאכן א חשבון הנפש אז עס לוינט זיך נישט. פאר די ביסל גשמיות'דיגע הנאה וואס ער גייט האבן גייט ער

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### - ◆ שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִ"ים ◆ -

דאס פאסירט יעדן יאר פונדאסניי, עס קומט שובבי"ם די טעג וואס דער אויבערשטער איז נאנט צו יעדער איינער וואס רופט אים, און יעדער איינער באקומט א התעוררות, ווערנדיג נתעורר צו צולייגן נאך שעות פון לימוד התורה, בעסער צו דינען דעם אויבערשטן, בעסער דאווענען. יעדן מאל טו איך באשליסן אז דאסמאל וועל איך נישט מוותר, יעצט וועל איך אויך ארויפטאנצן אויפן באן, וועלכע קומט אויף א באזוך איינמאל אין יאר, זיך אפשטעלנדיג פאר זעקס אדער אכט וואכן און פארט ווייטער.

אבער יעדן מאל טו איך פארפאסן דעם באן, יעדן מאל ווען די טעג פון שובבי"ם זענען דורכגעגאנגען, בלייב איך מיטן געפיל אז אט זענען די הייליגע און געהויבענע טעג אריבערגעגאנגען און איך בין געבליבן מיט גארנישט, הויל פונקט ווי פריער, אן קיין שום דערהויבנקייט, נישט אין עבודת השם נישט אין תורה און נישט אין דאווענען...

נישט אז איך האב חלילה מזלזל געווען, נאר טראצדעם וואס איך האב פראבירט מיט אלע כוחות אויסצונוצן די טעג כדי צו נתעלה ווערן, טרעף איך זיך אבער נאך שובבי"ם פונקט ווי פריער, אן קיין שום אנדענק פון קיין התעוררות, וואו איז דאס אלעס פארשוואונדן געווארן, און פארוואס?

אין אונזער פרשה ווערט דערציילט, אז ווען דער אויבערשטער האט זיך אנטפלעקט דאס ערשטע מאל צו משה רבינו ע"ה, איז דאס געווען "בְּלַבַּת אֵשׁ מִתּוֹךְ הַסְּנֶה", און רש"י ערקלערט, אז "בלבת" מיינט א פלאם-פייער, און עס איז א לשון פון "לב", מיינענדיג – די הארץ פונעם פייער.

לויט די ווערטער פון רש"י קען מען דאס גוט פארשטיין, ווייל כדי מיר זאלן קענען זען דעם פייער פון התעוררות אין יעדן מצב, און אפילו ווען איך בין ממש אזוי ווי דעם דארנבוים, וועלכער איז א טרוקענער און שטעכעדיגע געוואוקס, מוז זיין "לבו של אש", אז דאס פייער זאל קומען פון טיפעניש פון הארץ, און דאס גאנצע הארץ זאל ברענען פארן אויבערשטן מיט א שטארקן פלאם, און דעמאלטס וועלן מיר זוכה זיין צו שפירן אז "הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד עָלָיו אַדְמַת קֹדֶשׁ הוּא".

(עפ"י טיב התורה-שמות)

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

דאך דערלייגן זיין גאנצער וועלט.

דער איד איז דאך נישט געווען קיין שוטה.

וואו איז געווען זיין שכל?

האט אים דער לעלובער רבי זי"ע געענטפערט א מורא'דיגע תשובה, ער האט אים געזאגט אז ווען מען שיקט אונטער פון הימל א נסיון פאר א מענטש נעמט מען צו פון דעם מענטש אלע זייטיגע חשבונות וואס קענען אים צוריקהאלטן פון טון די עבירה, אפילו אויב דער מענטש איז א בעל מדריגה, ער איז א בעל השגה, וועט אים גארנישט העלפן אין יענע רגע. עס איז אבער דא איין זאך וואס וועט אים עומד זיין אין א שעת נסיון און דאס איז זיין יראת שמים. אויב איז ער אן אמת'ע ירא שמים וועט ער קענען עומד זיין אין די נסיון, אויב נישט וועט ער דורכפאלן און עס וועט נישט עומד זיין פאר אים אלע זייטיגע חשבונות וואס ער וואלט ווען געדארפט מאכן אין נארמאלע אומשטענדן.

מען דערציילט אז דער הייליגער חפץ חיים זי"ע איז אמאל געפארן אויפ'ן וועג פון איין שטאט צו די אנדערע. דער בעל העגלה איז געווען א שוואכער איד. פארנדיג אויפ'ן וועג האט דער בעל עגלה געזען א שיינער בוים מיט הערליכע און געשמאקע פרוכט.

פאר'ן בעל העגלה האט זיך פארגלוסט צו עסן פון די געשמאקע פרוכט, אבער ער האט מורא געהאט אז מען וועט אים כאפן ביי די גניבה, האט ער געבעטן פון דעם חפץ חיים זי"ע ער זאל האלטן אן אויג אויב איינער זעט און ער זאל אים ווארענען דערוועגן.

מיט א רואיגקייט, וויסנדיג אז דער חפץ חיים פאסט אויף אז קיין איינער זאל אים נישט כאפן ביי די גניבה, האט זיך דער בעל עגלה דערנענטערט צו די פעלד. ער האט שוין געהאט אויסגעשטרעקט זיין האנט צו דער בוים און געוואלט אראפנעמען פון איר א זאפטיגער פרוכט ווען ער הערט ווי דער חפץ חיים שרייט צו אים.

"מען זעט"!

דער בעל עגלה האט זיך זייער דערשראקן, ער האט זיך געאיילט צוריקצוציען צום וואגן, אבער נישט אזוי שנעל האט דער בעל עגלה געהאלטן ביים אויפגעבן אויף זיין פלאן, ער האט געווארט א מינוט און זיך גלייך נאכדעם צוריקגעקערט צו די גניבה און געזוכט אראפצורייסן די פרוכט פון בוים.

זיינע הענט איז שוין געווען אויסגעשטרעקט אראפצונעמען די עפל פון בוים און ער הערט נאכאמאל ווי דער חפץ חיים שרייט צו אים אז מען זעט!

דער בעל עגלה איז שנעל אוועקגעלאפן פון דעם ארט. דאסמאל האט ער פראבירט צוגיין פון א צווייטן ריכטונג, אפשר וועט אים דארט שפילן די מזל. ער האט זיך נאר דערנענטערט צו די בוים און ווידעראמאל הערט ער ווי דער חפץ חיים שרייט אז מען זעט.

דער בעל עגלה האט זיך ארומגעקוקט אין די פעלדער ארום, ער זעט קיין איינעם נישט און ער פארשטייט נישט וואס דער חפץ חיים מיינט.

"קיין איינער איז נישט דא! ווער זעט? פארוואס שרייסטו א גאנצער צייט אז מען זעט"?

אבער דער חפץ חיים האט זיך נישט געלאזט פון אים. מיט זיין הייליגער לשון האט ער אים געגעבן צו פארשטיין אז השי"ת זעט אלעס און אז פון אים קען מען זיך נישט באהאלטן.

יעדער זאך וואס דו טוסט! ווערט פארשריבן אויבן אין הימל. נאך דיין טויט וועט מען פאדערן פון דיר א דין וחשבון אויף יעדער זאך.

וויאזוי קענסטו נישט מורא האבן? האט אים דער הייליגער חפץ חיים גע'מוסר'ט.

און דאס איז פון די עיקרי העבודה וואס א איד דארף ארייננעמען פאר זיך און פאר זיינע קינדער. מען דארף איינווארצלען אין זיי פון קליינווייז אָן אז השי"ת זעט אלעס, אז עס איז דא אַן עין רואה וואס זעט אלע מעשים און אז מען גייט ענדע אפגעבן א דין וחשבון אויף אלעס, ווייל ווי גרעסער איז דער יראת שמים פון א מענטש וועט זיין, אלץ מער וועט ער זיך קענען שטארקן קעגן עבירות ווען ער האט א נסיון.

יהי רצון אז מען זאל קענען עומד זיין אין דעם און זיך קונה זיין יראת שמים און עס אריינגעבן אין אונזערע קינדער.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

**געשריבן דורך לייענערס**

## דער דאקטאר - א תלמיד פון מיין טאטע!

עס דערציילט דער חשוב'ער משפיע הגה"צ רבי גמליאל ראבינאוויטש שליט"א:

מיט עטליכע יאר צוריק, בחייו פון מיין גרויסער טאטע הגה"צ רבי לוי ראבינאוויטש זצ"ל, האט זיך געמאכט אז איך האב געדארפט זיין מיט מיין פאטער זצ"ל אין שפיטאל פאר א באהאנדלונג.

מיין טאטע זצ"ל איז שוין דעמאלטס געווען אין זיינע עלטערע יארן און מיר זענען געווען אביסל באזארגט פאר זיין באהאנדלונג. אונזער דאגה איז געווען אז אזוי ווי אין די שפיטעלער געבן די דאקטוירים אפ מער רעספעקט פאר די יונגע מענטשן ווי פאר די עלטערע, גלייבנדיג אז זיי קומען ערשט, ווייל זיי האבן נאך, לויט זיי, מער יארן צו לעבן.

דער זארג האט אויך געהאט א שטיקל גרונט. וויילנדיג אין די אפטיילונג, וואו מיין טאטע האט געדארפט זיין, האבן זיך דארט אויך געפינען אנדערע יונגערע וועלכע האבן געדארפט אנקומען צו אן ענליכע באהאנדלונג און זיי האט מען בעסער און שנעלער באהאנדלט ווי ביי מיין טאטע זצ"ל.

זוכנדיג א וועג וויאזוי מיר קענען דערוועקן ביים דעם דאקטאר אויפמערקזאמקייט פאר מיין טאטע האב איך געזאגט פאר'ן דאקטאר אז מיין טאטע איז א חשוב'ער מענטש, ער איז א מחבר ספר, אסאך אידן קומען אריין צו אים.

הערנדיג אז ער איז א מחבר ספר האט זיך דער דאקטאר אינטערעסירט וועלכע ספרים מיין טאטע שרייבט.

"מיין טאטע האט געמאכט די ספרים פון מעדני השלחן".

דער דאקטאר איז געווארן מורא'דיג באגייסטערט הערנדיג דאס.

"כמעט יעדן טאג לערן איך אין דעם ספר. עס ליגט ביי מיר אויפ'ן טיש". האט דער דאקטאר אויסגערופן איבערראשט און איבערגענומען.

פון יענע מינוט און ווייטער האבן זיך זאכן איבערגעדרייט. דער באציהונג איז געווארן בעסער און שנעלער.

איך האב זיך דעמאלט מתבונן געווען אין די אויסטערלישע השגחה פרטית וואס מיר האבן געהאט, אז פון אלע דאקטוירים אין דער וועלט האט זיך אזוי געפירט אז פונקט דער דאקטאר וואס לערנט די ספרים פון מיין טאטע זאל זיין דער דאקטאר וואס באהאנדלט מיין טאטע און קענען צוברענגען אז ער זאל זיין דארט און דערלייכטערן די צושטאנד פון מיין טאטע זצ"ל.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

• § • § •

# טיב המעשיות

די גמרא (שבת צז.) לערנט ארויס פון דא, אז אידישע קינדער זענען מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים, וויבאלד זיי האבן געגלייבט אז דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו משה רבינו, כאטש דאס איז א גרויסער וואונדער [זע העמק דבר להנצי"ב], און האבן צוגעהערט און אנגענומען זיינע רייד מיטן גאנצן הארץ, מיט א פשוט'ע און ריינע אמונה, אן קיין צווייפל.

• • •

איך האב געהערט פון הר"ר שמואל דוד הערצאג הי"ו, אייגנטומער פונעם וועלטבארימטער "קדם" ווייןפאבריק אין אמעריקע, וועלכער איז איינס פון די שפיץ וויין פירמעס איבער די וועלט, וועלכער האט פארציילט וועגן זיין טאטע הרה"ח ר' יונה הערצאג ז"ל, גרינדער פונעם ווייןפאבריק.

הרה"ח ר' יונה ז"ל איז געבוירן אין אונגארן, פאר די צווייטע וועלט־מלחמה. אלס בחור איז ער געגאנגען לערנען אין די בארימטע ישיבה גדולה פון הרה"ק גאלאנטער רב זצוק"ל, הי"ד. אזוי ווי אלע אנדערע תלמידי גאלאנטע, איז ער געווען צוגעבינדן בעבותות אהבה צו זיין הייליגן רבי'ן, וועלכער איז כידוע געווען געוואלדיג צוגעבינדן צו זיינע תלמידים מיט א מורא'דיגע ליבשאפט.

ביי די שרעקליכע מלחמה איז ר' יונה געשיקט געווארן רעכטס, און איז געקומען געווארן צו אן ארבעטס־לאגער, זייענדיג א יונגער און קרעפטיגער בחור. ער האט דורכגעלעבט די מלחמה מיט ניסי־ניסים, זעענדיג אפטמאל דעם טויט פאר די אויגן, און איבערלאזנדיג זיין גאנצע משפחה און חברים פון ישיבה נאך אים, צוזאמען מיט זיין גרויסן הייליגן רבי'ן, וועלכע זענען ארויף אין די פלאמען אויף קידוש השם, צוזאמען מיט אזויפיל פון די פראכטפולע אונגארישע אידנטום.

ר' יונה איז אליין אנגעקומען קיין אמעריקע נאך די מלחמה, זייענדיג אן עלנדן בחור אליין, אן אוּד מֻצָּל מֵאֵשׁ, און האט פראבירט אנצוהייבן זיין לעבן פונדאסניי, זייענדיג ממש אן גארנישט, אן א פרוטה. נאכן פראבירן עטליכע סארט ארבעט, האט מען אים פארגעשלאגן א פאסטן אין א וויין פאבריק. די ארבעט האט אים גוט געפאלן, און גאנץ שנעל האט ער זיך אויסגעלערנט די סודות פונעם פאך, און עטליכע יאר שפעטער האט ער באשלאסן צו עפענען זיין אייגענעם ווייך פאבריק. אינצווישן האט ער חתונה געהאט און אויפגעשטעלט א משפחה, און זיך באשעפטיגט ביי די ארבעט אין זיין קליינעם ווייןפאבריק.

עטליכע יאר שפעטער, ווען זיין משפחה האט זיך ציוואקסן, האבנדיג שוין עלף קינדער אינדערהיים, בלי עין הרע, האט דאס ביסל פרנסה וואס דאס קליינע ווייןפאבריק האט

**"וַיַּאֲמֵן הָעָם וַיִּשְׁמְעוּ כִּי פָקַד ה' אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְכִי רָאָה אֶת עָנְיָם וַיִּקְּדוּ וַיִּשְׁתַּחֲווּ" (ד, לא)**

אריינגעברענגט, נישט געקלעקט פאר אזא געבענטשטע משפחה. האט ר' יונה גענומען טראכטן וועגן פארלאזן דאס וויין האנדל, וואס האט אים דעמאלטס נישט אריינגעברענגט גענוג געלט, און גענומען זוכן אן אנדער ארבעט. איין טאג האט ער געזען אז מען זוכט א מְשַׁמֵּשׁ אין א גרויסן בית המדרש אין געגנט, וואס האלט ביים באצאלן שיין, האט ער געטראכט אז ער וועט זיך אנטראגן דערצו.

אבער וויבאלד ער האט געהאט גרויס אמונת צדיקים, האט ער נישט געוואלט מאכן אזא באשלוס אליין, אן צו פרעגן דעת תורה, אזוי ווי ער פלעגט טון יונגערהייט, פרעגנדיג זיין רבי'ן דעם גאלאנטער רב אן עצה. וויבאלד ער איז דעמאלטס געווען נאנט צום צענטער פון די סאטמארער חסידים אין וויליאמסבורג, איז ער נתקרב געווארן צו

הרה"ק רבי יואל מסאטמאר זצוקללה"ה בעל "דברי יואל", און פלעגט דארט דאווענען שבת און אינדערוואכן, און זיך באטייליגן ביי די טישן א.ד.ג. דעריבער אויך יעצט שטייענדיג פאר אזא גרויסע החלטה, איז ער געגאנגען פרעגן פי קדשו פונעם הייליגן סאטמארער רבי'ן זי"ע.

בקודש פנימה האט ער פארגעלייגט זיין שאלה, און אויסגערעכנט אלע צדדים פונעם זאך. דער רבי איז געווען זייער מסופק אינעם ענין, ווייל טאקע פון איין זייט איז דאס ארבעט פון זיין א משמש נישט גאר א מכובד'יגע זאך, אבער פון די אנדערע זייט פארדינט ער נישט גענוג געלט פון דאס ווייןהאנדל. צוזאמען מיט ר' יונה האט דער רבי פראבירט זען, אויב איז מעגליך צו פארגרעסערן די הכנסות פונעם וויין געשעפט, אבער למעשה האבן זיי נישט געטראפן קיין שום פראקטישע עצה דערצו.

אויך נאכן זיצן א שטיק צייט, און דורכטון דעם ענין אויף דער לאנג און די ברייט, האט דער רבי נישט געגעבן קיין קלארער ענטפער אויף למעשה. ר' יונה האט עס שפעטער אראפגעלייגט אזוי: "איך בין אריינגעגאנגען מיט א סָפֵק, און ארויסגעגאנגען בין איך מיט א סְפֵק סְפֵיקָא"...

ווען ר' יונה האט זיך געלייגט שלאפן יענער נאכט, איז זיין הייליגער רבי דער גאלאנטער רב זצ"ל הי"ד, וועמענ'ס אנדענק איז שטענדיג געבליבן ביי אים, געקומען צו אים אין חלום. ר' יונה זעט ווי זיין הייליגער רבי דערנענטערט זיך צו אים, און ער זאגט צו אים מיט א שמייכל: ליבער יונה! וויין בלייבט וויין!

זיך אויפוועקנדיג אינדערפרי, האט ר' יונה גוט געדענקט דעם חלום, און איז געווען שטארק באגייסטערט דערפון, און האט זיך נישט געקענט בארואיגן, סיי פונעם עצם זכות צו זען דאס געזיכט פון זיין הייליגן רבי'ן נאך לאנגע יארן פון ווען ער האט זיך אזוי טראגיש געזעגנט פון אים, און סיי פון די ווערטער וואס ער האט געהערט פון אים. נאך אינעם זעלבן טאג איז ר' יונה נאכאמאל אריינגעגאנגען צום הייליגן סאטמארער רבי'ן, און אים שטורעמיש דערציילט דעם גאנצן חלום וואס ער האט געהאט.

ווען דער רבי האט געהערט דעם נאמען פונעם הייליגן גאלאנטער רב, האט ער זיך אויפגעשטעלט פון ארט מלא קומתו, און מיט פלאם־פייער האט ער זיך געוואנדן צו ר' יונה און געזאגט צו אים: אויב דיין הייליגער רבי, הי"ד, האט זיך מטריח געווען אראפצוקומען צו דיר פון אזא הויכן ארט [זע פסחים נ., וואו די גמרא זאגט "הֲרוּגֵי מַלְכוּת אֵין אָדָם יָכוֹל לַעֲמוֹד בִּמְחִיצָתָן"], האסטו דאך א קלארע

המשך אין עמוד ד'

הבטחה, אז דו קענסט ווייטער האנדלען מיט וויין, און דו זאלסט נישט עובר זיין אויף די ווערטער פון דיין רבי'ן, ווייל "וויין בלייבט וויין".

און דער רבי האט אויסגעפירט: יעצט האב איך מער נישט קיין שום ספק דערין, וויבאלד דו האסט באקומען אזא קלארע אנווייזונג פון דיין היילגן רבי'ן, און איך זאג דיר צו אז דו וועסט זייער שטארק מצליח זיין!

ר' יונה האט זעלבסטפארשטענדליך מקיים געווען די ווערטער פון זיינע רבי'ס, און איז געבליבן ביי די וויין־האנדל. אין א קורצע צייט ארום האט ער אנגעהויבן זען גרויס הצלחה אין זיינע געשעפטן, און בליץ־שנעל זענען די "קדם וויינער" שטארק בארימט געווארן, ביז ער איז געווארן אן עושר מופלג. און ביזן היינטיגן טאג געניסן זיינע קינדער און פאמיליע, לאורך ימים ושנים טובות, פונעם וואונדערליכן "קדם וויין" וואס ווערט פארקויפט און גענוצט איבער די גאנצע אידישע וועלט.

•••

וואס מען לערנט זיך פון אט די מעשה, איז אז אויסער דעם געוואלדיגן כח וואס די צדיקים האבן צו ממשיך זיין א ברכה לדורי דורות. דער כח פון די שטארקע און קלארע אמונה וואס דער היילגער סאטמארער רב האט געגלייבט אין דעם, און האט עס נישט גרינג געהאלטן אזוי ווי דער שטייגער פון מענטשן וועלכע מאכן אוועק דאס אמונת צדיקים, און וואלטן געזאגט אז עס איז נישט מער ווי א חלום, ווייל א מענטש חלומ'ט נאר דאס וואס ער טראכט... אדער אנדערע ווערטער, וואס קילן אפ. נאר ער האט געגלייבט און עס אנגענומען, אזוי ווי דער שטייגער פון די אידן מאמינים בני מאמינים, וועלכע האבן אנגענומען די רייד פון משה, און האבן געגלייבט אז דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אים.

לאמיר זיך אויך אפלערנען פונעם היילגן סאטמארער רב, וועלכער איז כידוע געווען א געוואלדיגער חכם, און אזוי קלוג ווי ער איז געווען איז ער אויך געווען געוואלדיג שטארק אין זיין לויטערע אמונה, און האט דעריבער געשטארקט ר' יונה צו אויסצופאלגן דעם חלום. און כאטש נאר מיט א טאג פריער איז ער געווען פול מיט ספיקות וועגן וויאזוי ר' יונה דארף זיך פירן, אבער ווי נאר ער האט געהערט אז דער צדיק האלט אז ר' יונה דארף פארזעצן דערמיט, האט ער געגעבן א קלארע הבטחה להצלחה - אט דאס איז דער כח פון אמונה!

מיר האבן נאך וואונדערליכע ערציילונגען איבערן היילגן גאון דער "גאלאנטער רב" זצוק"ל הי"ד, און איבער זיין ארויפגייען אויף קידוש השם צוזאמען מיט זיינע תלמידים און בני הקהילה, במסירות נפש און שמחה עצומה, וועלכע האט געמאכט א געוואלדיגער קידוש השם און האט אויפגעטרייסלט די גאנצע וועלט. מיר וועלן דאס אבער לאזן פאר קומענדיגע געלעגנהייטן, בעזרת השי"ת.







על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון בפייל (דוא"ל) נא לשלוח לפייל המצו"ב

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סיגל | יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה | האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים | שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים | לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה. | לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה. | גרפצ'יק טל: 02-5002321 | קשת הרשת 02-6257948 | גל-פז |

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון בפייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173